# דברים

א. די גמרא זאָגט [1], אַז דעם ספר דברים האָט משה רבינו געזאָגט „מפי עצמו". זאָגט אויף דעם תוספות: „וברוה"ק".

אין רוח הקודש זיינען פאַראַן אַ סך מדריגות. אויף משה רבינו שטייט [2], „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה", איז מובן, אַז דער רוח הקודש פון משה רבינו איז געווען בתכלית המעלה; דערצו איז דאָך ספר דברים, משנה תורה, אַ חלק פון תורה שבכתב — איז דאָך זיכער אַז דאָס וואָס משה האָט געזאָגט משנה תורה „מפי עצמו", מיינט עס ניט צו זאָגן אַז ס'איז ניט געווען מפי הגבורה ח"ו [3], ווארום דער רמב"ם פסק'נט [4] דאָך, אַז אויב עמעצער זאָגט וועגן איין וואָרט פון דער תורה, אַז משה רבינו האָט דעם וואָרט געזאָגט פון זיך אַליין — איז ער אַ „כופר", און מכל־שכן אַז ס'איז ניט שייך צו זאָגן וועגן אַ גאַנצן ספר פון תורה שבכתב, אַז משה האָט אים געזאָגט פון זיך אַליין. מוז מען זאָגן, אַז „מפי עצמו" מיינט, אַז משה רבינו האָט דעם ספר דברים געזאָגט מיט רוח הקודש, ווי אלקות האָט זיך אַנגעטאָן און איז געוואָרן פאַראייניציקט מיט משה'ן, וכמאמר [5] „שכינה מדברת מתוך גרונו של משה", וואָס דעריבער האָט משה געזאָגט [6] „ונתתי מטר גו' ונתתי עשב גו'" („איך וועל געבן כו'), ווייל דאָס האָט די שכינה גערעדט פון זיין האַלז.

דער חילוק צווישן משנה תורה און די פריערדיקע פיר ספרים איז בלויז אין דעם אופן ווי אַזוי זיי זיינען אַנטפלעקט געוואָרן דורך משה רבינו צו אונז: די פיר ספרים, כאָטש אויך זיי זיינען צו אונז געקומען דורך משה'ן (נאָר „אנכי ולא יהי' לך — מפי הגבורה שמענום", אָבער אויף אַלע אַנדערע תרי"א מצוות שטייט: „תורה צוה לנו משה", תורה בגימטריא תרי"א) [7], האָט זיי אָבער משה איבערגעגעבן נאָר ווי אַ שליח [8], מה שאין כן משנה תורה האָט משה רבינו אונז איבערגעגעבן ווי ער וואָלט עס געזאָגט „מפי עצמו", ניט ווי אַ שליח, ווייל די שכינה האָט זיך אַנגעטאָן אין זיין השגה און זיך פאַראייניציקט מיט אים, און גערעדט „מתוך גרונו של משה" [9].

און על דרך זה איז עס אויך בנוגע אַלע חידושי תורה וואָס זיינען צו אונז נתגלה געוואָרן דורך די תנאים ואמוראים און די אַלע תלמידי חכמים

---

1) מגילה לא, ב. וראה לקו"ת שה"ש כ, ג.

2) דברים לד, י.

3) וע"פ לקו"ת במדבר (טו, ג) י"ל דאדרבה כו'. וראה לקמן אות ב'.

4) הלכות תשובה פ"ג, ה"ח.

5) להעיר מזח"ג רלב, א. שם ז, א. רסה, סע"א. שמו"ר פ"ג, טו. ויק"ר פ"ב, ג. מכילתא שמות יח, יט.

6) דברים יא, יד־טו. וראה לקו"ת בחוקותי נ, א.

7) מכות כג, סע"ב. כה, רע"א.

8) רש"י מגילה לא, ב ד"ה משה.

9) בפרטיות יותר: רוח הקודש (של משה — בחי' ז"א דאצי') הו"ע בחי' „מפי עצמו", לפי שמשם הי' שרש נבואתו והשגתו. ומ"ש בפנים שאינו מפי עצמו אלא מעם ה', הכוונה, ששרש כל התורה למעלה מעלה מבחי' ז"א אלא שהספר משנה תורה נתלבש בבחי' ז"א. עיין לקו"ת שה"ש כ, ג.

שבכל דור ודור — וואס זיי ווערן אָנגערופן מיטן נאָמען „משה"[10]) — אַז „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש בתורה הכל ניתן למשה מסיני"[11]), אַז אַלע חידושי תורה פון די תלמידי חכמים זיינען געגעבן געוואָרן צו משה'ן פון דעם אויבערשטן און זיינען דבר הוי' ממש[12]). ס'איז נאָר וואָס דער דבר הוי' האָט זיך אָנגעטאָן אין זייער השגה (ומובן, אַז עס זיינען פאַראַן כמה חילוקים אין דעם אופן ההתלב־שות, אָבער דאָס איז אַלץ דבר הוי' ממש).

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז כשם ווי אין משנה תורה זיינען ניט נאָר צוגעקומען נייע ענינים, נאָר עס זיינען אויך ערקלערט געוואָרן אַ סך ענינים פון די פריערדיקע ספרים, וואָס אָן משנה תורה וואָלט מען אויך די ענינים ניט געוואוסט, אַזוי איז עס אויך בנוגע די חידושים און תקנות שבכל דור ודור, אַז אויב מ'היט ניט אָפּ די תקנות וכו' פון „אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא"[13]), איז ניט נאָר וואָס עס פעלט אין די תקנות וכו' אַליין, וואָס זיי זיינען דאָך דבר הוי' ממש, נאָר עס פעלט אויך אין די פריער־דיקע. און ווי עס שטייט אין מכילתא אויפן פסוק[14]) „ויאמינו בהוי' ובמשה עבדו", אַז דער וואָס גלויבט אין רועה **נאמן איז כאילו ווי ער גלויבט אין הוי'**, און דער וואָס רעדט אויף רועה נאמן איז כאילו ווי ער רעדט אויפן אויבערשטן.

ב. משנה תורה איז געזאָגט גע־וואָרן צום דור וועלכע זיינען אַריינ־געקומען אין ארץ ישראל[15]). קען מען דערמיט מבאר זיין פאַרוואָס האָט דאַן געדאַרפט זיין דער סדר פון „מפי עצמו", דער גילוי אלקות האָט געמוזט דורכגיין דורך אַ **ממוצע המחבר: בכניסה לארץ ישראל האָט זיך ביי די** אידן אָנגעהויבן אַ סדר עבודה פון „ארץ נושבת"[16]), פון אָנטאָן זיך אין דברים גשמיים און זיי מברר זיין. דעריבער האָבן זיי קומענדיק אין ארץ ישראל ניט געקענט מקבל זיין דעם אור אלקי אָן אַ ממוצע, ווי דאָס איז געווען ביים דור המדבר, וועלכע האָבן געקענט נעמען דעם אור אָן דער הת־לבשות פון אַ ממוצע, ווייל אין מדבר זיינען זיי געווען אויסגעטאָן פון גשמיות[17]).

און אַזוי איז אויך שפּעטער, פון דור צו דור: וואָס נידעריקער די דורות זיינען געוואָרן, אַלץ אין מער לבושים האָט זיך דער דבר הוי' אָנגעטאָן (וואָס אין דעם באַשטייט דער חילוק צווישן תורה שבכתב (אפילו משנה תורה) און תורה שבעל־פה, תנאים, אמוראים, גאו־נים, ראשונים און אחרונים). וואָרום בכדי אַז דער אור זאָל קענען אָנקומען

10) תו"א סח, ג. וראה רש"י חולין צג, א ד"ה משה.

11) ראה מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ"ב, ה"ד. שמו"ר רפמ"ז. ויק"ר רפכ"ב. קה"ר פ"א, ט. פ"ה, ח. שו"ת רד"ך בית ה' חדר ג'. תורת העולה ח"ג, פנ"ה. הקדמת הש"ך עה"ת. אור תורה להה"מ ר"פ תולדות. אגה"ק קו"א ד"ה להבין פרטי ההלכות.

12) ראה כ"מ בהל' תשובה שם. לקו"ת בחוקותי ג, א.

13) ת"ז תס"ט (קיד, א). וראה ב"ר פנ"ו, ז.

14) שמות יד, לא.

15) ראה תניא ספכ"ה.

16) ראה לעיל ע' 1042 ואילך.

17) ראה לקוטי שיחות ח"ב ע' 329 שבדור המדבר היו כולם נשמות דאצי', וזו היתה טענת קרח „ומדוע תתנשאו", שנשמות דאצי' א"צ לממוצע כלל (גם לא אמצעות דשליח). וראה דרז"ל עה"פ שמות לג, טו. לקו"ת במדבר יא, א.

צו אַ נידעריקערן דור, האָט ער גע־דאַרפט אַראָפּקומען אין מערער הת־לבשות. די אַלע חילוקים זיינען אָבער בלויז בנוגע לבושים אין וועלכע די תורה האָט זיך אָנגעטאָן, אָבער אין דעם מהות איז ניטאָ קיין אונטערשייד: אַלע חלקי התורה, פון די ד' ספרים הראשונים ביז די חידושי תורה פון אַן אחרון (אַזאַ וואָס איז אָנגענומען בתפוצות ישראל)[17] זיינען זיי דבר הוי' ממש, „וכולם מרועה אחד ניתנו"[18].

ג. מ'האָט שוין אַמאָל גערעדט[19], אַז אין דער עבודה בכניסה לארץ ישראל איז פאַראַן אַ מעלה אויף דער עבודה אין מדבר, וואָרום דוקא דורך דער עבודה מיט דברים גשמיים נעמט מען עצמות, ווייל „נתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים"[20], דוקא „בתחתונים" (התלבשות אין גשמיות) מאַכט מען אַ דירה לו יתברך, לעצ־מותו. אין מדבר איז די השפעה מלמעלה טאַקע געווען אָן לבושים: לחם מן השמים, מים מבארה של מרים וכו', מה שאין כן אין ארץ ישראל האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדר פון לבושי הטבע — ס'איז טאַקע „וברכך הוי' אלקיך", אַז דער אויבער־שטער וועט דיר געבן די ברכה, דאָך איז די ברכה אָנגעטאָן אין „אשר תעשה" אין דער עשי' בדרכי הטבע — אָבער בנוגע דעם מהות פון דער השפעה אלקית, איז ניט נאָר אַז אין ארץ ישראל האָט זיך אין דעם גאָרניט געפעלט, נאָר אדרבה, „טובה הארץ מאד מאד", דוקא אין ארץ ישראל נעמט מען דעם „מאד מאד"[21], בלי גבול האמיתי.

דערפון איז מובן אויך בנוגע תורה. אַז ניט נאָר וואָס אין משנה תורה פעלט גאָרניט אין מהות לגבי די פריערדיקע פיר ספרים, נאָר אדרבה, אין דעם חלק פון תורה שטייט רצון העליון מער בגלוי[22]. דורך מקיים זיין די הוראות פון משנה תורה ווי עס זאָל זיין די אויפפירונג אין ארץ ישראל, נעמט מען רצון העליון בגלוי.

על דרך זה איז עס אויך בנוגע די חידושי תורה און תקנות פון רבותינו שבכל דור ודור, אַז וואָס אַ דור ווייטער און נידעריקער, אַלץ העכער איז דער אור אלקי אין די חידושים און תקנות פון יענעם דור. וואָרום דוקא דורך מקיים זיין אָט־די הוראות און תקנות וועט מען צוקומען צו אַלע יעודים ביז צום גלוי פון ולא יכנף עוד מוריך — בביאת המשיח.

(דאָס איז אויך מובן פון דעם וואָס משנה תורה איז אויך מבאר די פריער־דיקע ספרים און טראָגט זיי אַראָפּ אַז אויך מיר זאָלן זיי קענען נעמען כנ"ל: דער כח אויף אַראָפּטראָגן נידעריקער־ — נעמט זיך פון אַ העכערן אָרט).

דאָס איז אויך דער רמז אין דעם סיום פון משנה תורה „עד הים האח־רון" ואמרו רז"ל[23] „עד היום האח־רון": משנה תורה איז, ווי געזאָגט, דער דבר הוי' ווי ער איז אָנגעטאָן אין „מפי עצמו" פון משה'ן ואתפש־טותא דילי' שבכל דרא און אין די תלמידי חכמים וואָס ווערן אָנגערופן בשם משה — איז אין דעם סיום

17) וראה הל' ת"ת לאדה"ז רפ"ב.

18) ראה לקו"ת במדבר טו, ג ובהמצויין שם.

19) תנחומא נשא טז. וראה שם בחוקותי ג. ב"ר ספ"ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא פל"ו.

21) ראה לעיל ע' 1045 הערה 25.

22) ראה אגה"ק סו"ס כט.

23) רש"י דברים לד, ב. וראה ספרי שם. תרגום יוב"ע שם ב.

פון משנה תורה, ד.ה. דורך די לעצטע הוראות פון די חכמים שבדורות האחרונים, נעמט מען די גילויים וואָס וועלן זיין „ביום האחרון", גילוי דלעתיד.

ד. די התחלה פון משנה תורה לייענט מען אַלע מאָל דעם שבת וואָס פאַר תשעה באב (אָדער בתשעה באב גופא, ווען ער פאַלט אויס אום שבת). על־פי הנ"ל וועט ווערן פאַרשטאַנען די שייכות פון משנה תורה מיט די טעג פון בין המצרים[24]:

דער צמח צדק איז מבאר[25], אַז די שבתים פון בין המצרים זיינען אַן ענין פון „מקדים רפואה". ווען די רפואה קומט נאָך דער מכה, איז דאָך דאָ אַ זמן אַז עס איז נאָר מכה, נאָר דערנאָך איז געקומען די רפואה און האָט איר אויסגעהיילט (אויך נאָך דער רפואה פאַרבלייבט אַ רושם פון דער מחלה, און דער מענטש ווערט אָנגערופן „חולה שנתרפא"), משא"כ ווען מקדים רפואה למכה, איז דאָך באמיתית הענין[26] קיינמאָל קיין מכה ניט געווען. די רפואה איז פריער (במעלה), העכער, און עס איז ניטאָ קיין נתינת מקום פאַר אַ מכה. און דאָס מיינט אַז די שבתים פון בין המצרים זיינען רפואה קודם למכה: די שבתים זיינען אינגאַנצן העכער און גיבן ניט קיין אָרט צו דעם ענין פון בין המצרים.

און דאָס איז אויך פאַרשטאַנדיק: דער שורש פון אַלע חטאים איז דער חטא עץ הדעת[27], דער חטא (היפך פון נר מצוה ותורה אור) האָט געבראַכט חושך און לילה אין וועלט, און פונדעסטוועגן איז „ל"ו שעות שימשה אותה האורה"[28], בשבת בראשית איז ניט געווען קיין חושך — עס איז געווען ליכטיק זעקס און דרייסיק שעה (פון פרייטיק אינדערפרי ביז מוצאי שבת), ווייל שבת איז ניטאָ קיין רושם פון דעם חטא און דעם חושך וואָס קומט פון אים. איז פונקט ווי אין שבת האָט ניט אָנגערירט דער חטא עץ הדעת, שורש כל החטאים, אַזוי רירן דאַרט אויך ניט אָן די אַלע אַנדערע חטאים, וועלכע נעמען זיך פון חטא עץ הדעת, במילא אויך ניט חורבן וגלות, וועלכע קומען אַרויס פון זיי[28*].

דערפאַר איז דער דין[29], אַז אין די שבתים שבבין המצרים — אויך אין דעם שבת וואָס איז אין די ניין טעג, און אפילו אין דעם שבת אין וועלכן עס פאַלט אויס תשעה באב — טאָר מען אין זיי ניט נוהג זיין קיין אבילות פון בין המצרים, אדרבה, ס'איז אַ מצוה להתענג[30] ולשמוח[31] בשבת.

---

24) ראה לעיל ע' 1075 הערה 21.

25) ברשימות על מגילת איכה ע' 45 (אוה"ת לנ"ך ח"ב ע' א'צז). ראה מאור ושמש ברמזי ביהמ"צ: „מה שאומרים הקדושי עליונים שבתות שביהמ"צ גבוהים עד למאד כו'". — והוא הי' תלמיד תלמידי המגיד ממעזריטש ובטח להם מתכון.

26) ועי"ד כל העומד לפדות כפדוי דמי (ב"ק עז, ב).

27) ראה שבת קמו, רע"א. זח"א נב, ב. נתבאר בארוכה בד"ה ע"כ יאמרו המושלים תרצ"א (בסה"מ קונטרסים ח"א).

28) ירושלמי ברכות פ"ח, ה"ה. ב"ר פי"א, ב. פי"ב, ו. ספס"ב. שוח"ט צב, א. ועוד.

28*) אלא שבעולם ששם תמהין „מה יום מיומים" — אין ניכרת גם מעלה זו דיום השי"ק, משא"כ בעניני תורה (אור), וכן בשבת (בראשית) שכל בנ"א היו בג"ע.

29) שו"ע או"ח סתקנ"ב, ס"י ובמג"א שם.

30) ראה טור ושו"ע סרמ"ב וגנ"כ וש"נ.

31) תוספות ד"ה מ"ד (מועד קטן כג, ב) מהירושלמי (ברכות פ"ב, ה"ז). וראה

וויל לגבי דער בחינה פון שבת זיינען ניטאָ קיין מנגדים, העלמות והסתרים.

נאָך מערער: די שבתים שבבין המצרים איז דאָך ענינם (כדברי הצמח צדק) רפואה (קודם למכה) — זיי דאַרפן היילן די מכה פון חורבן: ס'איז ניט נאָר סתם אַן ענין פון שבת, וואָס אין זיין דרגא איז ניטאָ קיין חורבן, נאָר די שבתים קומען און ווערן נמשך אין בין המצרים, אויף צו מאכן פון זיי אַ „נחלה בלי מצרים". דאָס הייסט, אַז די שבתים זיינען העכער פון די שבתים פון אַ גאַנץ יאָר. אַלע שבתים פון יאָר זיינען העכער פון השתלשלות, און דערפאַר רירט אין זיי ניט אָן קיין חטא און זיי האָבן ניט צו טאָן מיט גלות, אָבער די שבתים זיינען אויך אַ רפואה, זיי היילן און מאַכן איבער דעם בין המצרים, דעם גלות אַליין; זיי זיינען מגלה די פנימיות הענין פון גלות גופא, ווי ער איז אַ הכנה צו דער גאולה. זיי זיינען מעין פון דעם „יום שכולו שבת", וואָס לעתיד וועט מען זאָגן „אודך הוי' כי אנפת בי", אַז עס וועט נתגלה ווערן די פנימיות המעלה פון דעם „אנפת", פון גלות.

און אויך דער ענין ווערט מרומז אין נגלה, ביז דאָס ווערט אויך אויסגעדריקט אין אַ הלכה: אין די שבתים פון בין המצרים דאַרף מען מער ווי אין אַנדערע שבתים פון יאָר, פאַרהיטן דעם חשש פון אבילות (איינער וואָס פלעגט בשבת טראָגן שטעק־שיך אירעו אבל ר"ל. האָט ער געפרעגט ביים טאַטן, צי ער מעג טראָגן די שטעק־שיך דעם שבת וואָס אין דער וואָך פון אבילות. האָט אים דער טאַטע גע'פסק'נט, אַז ער זאָל עס ניט טאָן, בכדי ניט צו געבן קיין אָרט פאַר אַ חשש פון אבילות בשבת) [32].

אַזוי ווי אַלע ענינים ווערן נמשך דורך תורה, דערפאַר הויבט מען אָן צו לייענען דעם ספר דברים, אין דעם שבת פאַר תשעה באב [33]. דוקא אין דעם שבת, וואָס איז מגלה די פנימיות פון גלות, לייענט מען דעם ספר דברים, וואָס ענינו — בחיצוניות — איז דברי מוסר אָף דער ירידה כו', אָבער דוקא דורך דעם קומט מען צו „עד הים האחרון" — „עד היום האחרון", בגאולה העתידה על ידי משיח צדקנו, בקרוב ממש [34].

(משיחות ש"פ וארא תשי"ר.
ש"פ מטו"מ תשי"ז)

---

ירושלמי מגילה פ"א, ה"ד. ספרי בהעלותך י, יו"ד. בה"ג במנין המצות. פי' הרא"ש והמאירי לנדרים סו. סדור רע"ג ומחזור ויטרי דנוסח ברכת שבת הוא וישמחו בך. — ומה שבפוסקים ורבינו הזקן בשלחנו ר"ס רמ"ב (ועייג"כ לקו"ת פ' צו יא, ד) פסקו ענין העונג ולא השמחה בשבת, י"ל, לפי שהוא כשרגא בטיהרא, כי השמחה נכללת ובטילה בהעונג. ובכ"ז ביו"ט שחל להיות בשבת יש שמחה — כי בשבת סתם הוא ע"ד דבר שלא הי' ניכר מעולם בפ"ע (ראה שו"ע אדה"ז סש"כ, ס"ד. שו"ע יו"ד סק"ב, ס"ד) (משיחת ש"פ מטו"מ תשכ"ב).

32) ראה חגיגה (יח, סע"א) שגם איסור התירו מטעם כעין זה.

33) כי בשבתות שבבין המצרים עצמם, עיקר העילוי הוא בשבת שקודם ת"ב (כמובן מגודל הירידה). ועיין ברשימות לאיכה (אוה"ת לנ"ך) שם בענין שבת חזון.

34) ועוד ענין בזה: אלה הדברים — דברי תוכחות, אבל באות „אחרי הכותו גו'"; אחרי שהטיב להם דוקא (וכדפירש"י דברים א, ד). וכן הוא גם בנוגע להגלות והתוכחות שבו (אשר נוסף שתכליתם הוא „עד היום האחרון", הנה גם ברגעים

# ואתחנן

א. אויפן פסוק „קול גדול ולא יסף" (אַז דער קול פון די עשרת הדברות איז ניט נפסק געוואָרן), ברענגט דער מדרש[1] דריי פירושים: א) „קול אחד נחלק לז' קולות והם נחלקים לע' לשון" (דער קול איז ניט פאַרבליבן ביי לשון קודש אַליין, נאָר ער איז אַראָפּגעקומען אין זיבן קולות און זיי האָבן זיך צעטיילט אין אַלע שבעים לשון). ב) „שממנו נתנבאו כל הנביאים שעמדו" (דער קול האָט זיך ניט אויסגעלאָזט בעת מעשה, נאָר ער ציט זיך שטענדיק, ד.ה. אַז פון דעם קול פון מתן תורה נעמען זיך אַלע ענינים וואָס זיינען דערנאָך נתגלה געוואָרן דורך די נביאים (און די חכמים[2]) שבכל דור ודור). ג) „שלא הי' לו בת קול" (ער האָט ניט געהאַט קיין ווידער־קול (עכאָ), ווי עס איז ביי אַלע קולות, וואָס קלינגען אָפּ צוריק).

דאַרף מען פאַרשטיין: מיט וואָס דריקט אויס דער דריטער פירוש (אַז „לא הי' לו בת קול") — די גרויסקייט און בלי גבול פון דעם קול ביי עשרת הדברות? לויט די ערשטע צוויי פירושים איז פאַרשטאַנדיק: דער קול איז ניט געווען באַגרענעצט צו לשון קודש אַליין אָדער צום זמן פון מתן תורה אַליין, נאָר ער איז אַראָפּגעטראָגן געוואָרן און זיך צעשפּרייט אין אַלע לשונות און ער ציט זיך אין אַלע דורות. אָבער דאָס וואָס „לא הי' לו בת קול" ווייזט ניט לכאורה אויף דער שטאַרקייט פון קול. אדרבה — וואָס דער קול איז שטאַרקער האָט ער אַלץ אַ שטאַרקערן אָפּקלאַנג. וויבאַלד אַז דער קול האָט ניט געהאַט קיין אָפּקלאַנג, ווייזט דאָך עס, לכאורה, גאָר אויף זיין שוואַכקייט.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: דער אויבערשטער מאַכט דאָך ניט קיין נס אומזיסט[3], אָן אַ נייטיקייט, און וויבאַלד אַז יעדער קול האָט בטבע אַ בת קול, און אַ קול גדול האָט אַ שטאַרקן ווידער־קול, איז צוליב וואָס האָט דאָ געדאַרפט זיין שינוי הטבע, אַז דער קול גדול פון מ"ת זאָל ניט האָבן קיין ווידערקול?

דאָ מפרשים וואָס זיינען מבאר, אַז די נויטיקייט פון דעם נס איז געווען, בכדי ניט צו געבן קיין אָרט צו האָבן אַ טעות, און מיינען אַז דער אָפּקלאַנג איז אַן אַנדער קול. דער פירוש איז אָבער ניט מובן, וואָרום אין אַ בת קול איז דאָך קענטיק אַז ער איז אַ

---

המועטים שנשארו עד להגאולה) — באם נצרך עדיין לדברי תוכחות, יהי"ר שתומשך תחילה השפעה מרובה בהרחבה בגשמיות וברוחניות, ורק אחרי זה דברי תוכחה, וגם אז — דברי תוכחה בתורה, תורת חסד (ויתירה מזו: ענין המוסר וכו' — הרי אפשר לצאת גם על ידי היגיעה בתורה, כמבואר בתו"א מס, א ואילך. נא, א ואילך), שמטרתם — הכנה להגילוי דגאולה האמיתית והשלימה, העתידה בקרוב ממש (משיחת ש"פ מטו"מ תשכ"ג).

1) שמו"ר ספכ"ח.

2) וכדאי' במדרש שם: אף החכמים העומדים בכל דור ודור כל אחד ואחד קבל את שלו מסיני. — וראה ג"כ לקו"ת במדבר טו, ג ובהמצויין שם.

3) ראה דרשות הר"ן ד"ה „ההקדמה הא' שחפץ הש"י לקיים מנהגו של עולם בכל מה דאפשר ושהטבע יקר בעיניו לא ישנהו אלא לצורך הכרחי". וראה שבת נג, ב. ועוד.